## בוכבינדער, [?]

ווי א. ג. קאַמפּאַנעעץ גיט איבער, איז ב. געווען אַן אָדעסער, אַ פּעיִקער אַקטיאָר און האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אין „בעל תשובה". זיין טעאַטער־קאַריערע האָט ער אָנגעהויבן ביי אים. ב. איז געווען פאַרהייראַט צו אַן אַקטריסע, ראָזאַ בוכבינדער.

נחום ליפּאָווסקי גיט איבער, אַז צוזאַמען מיט סאַבסיי, ליפּאָוויעצקי און ציפּקוס איז ב. געווען אַ קעלער־זינגער אין אָדעס און פלעגט דערנאָך אַרומפאָרן איבער דער סביבה שפּילן יידיש טעאַטער. אין 1893 האָט ער אים געטראָפן אַרומפאָרן איבער די שטעטלעך פון קאַמענעץ־פּאָדאָלסק. ב. איז שפּעטער געוואָרן פּאַראַליזירט און פלעגט פשוט בעטלען.

לויט קאַמפּאַנעעץ איז ב. געשטאָרבן אין אָדעס פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה.

מ. ע. פון א. ג. קאַמפּאַנעעץ און נחום ליפּאָווסקי.

## אונטערקישער, האַנס

צווישן די מיטגלידער פון דייטשן „אוירווינג פּלעיס טעאַטער", וועלכע מאָריס שוואַרץ האָט געפּרוווט אַריבערציִען אין זיין יידישער טרופּע, וועלכע האָט איבערגענומען דאָס טעאַטער, האָט זיך אויך געפונען דער קריסטלעכער דייטשער שוישפּילער האַנס אונטערקישער, וועלכער איז דעם 28 נאָוועמבער 1918 דאָרט אויפגעטראָטן אַלס „אַפּאַלאָן" אין דער אויפפירונג פון יעקב גאָרדינס „סאַפאָ" (מיט בערטאַ גערסטען אין דער טיטל־ראָל).

ב. גאָרין שרייבט:

„עס האָבן דעביוטירט נאָך אַנדערע דייטשן אין „אוירוויִנג פּליים טעאַטער", נאָר זיי האָבן געשפּילט אין דייטש, און, ווי רודאָלף קריסטיאַנס, האָבן זיי זיך אין יידישן טעאַטער ניט אָנגענומען".

ב. גאָרין — „געשיכטע פון אידישן טעאַטער", נ. י., 1929, צווייטער באַנד, ז. 240.

## בערנאַרד,ברוך

### [ברוך גרינבערג]

[געב. 15 אַפּריל 1901 — געשט. 26 פעב. 1953]

געבוירן 15 אַפּריל 1901 אין בריסק דליטע. פרי געוואָרן אַ יתום נאָך זיין פאָטער און באַקומען אַ טראַדיציאָנעל־יידישע דערציִונג פון זיין מוטער. ב. האָט ניט באַקומען קיין סיסטעמאַטישע וועלטלעכע בילדונג.

אין 1921 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וווּ ער האָט זיך פאַרנומען מיט געשעפט. אין 1930 איז אין ווילנער קלעצקין פאַרלאַג א׳נ פון בערנאַרד ברוך גרינבערג דערשינען זיין פיראַקטיקע קאָמעדיע „יהודה תנכי" (וואָס זאָל נאָך אין 1928 האָבן דערשינען אין ווילנע מיט אַן אונטערקעפּל „דער נייער משיח"). וועגן דער קאָמעדיע האָט דר. א. מוקדוני געשריבן: „אַ ווערק, וואָס ברענגט אַרויס די אידעע פון אַ פאַלשן משיח ...אַ מאָדערנער שבתי צבי... אַ פּיעסע — אַ יחידה במינה [אייגנאַרטיק]". אין 1931 איז אין ווילנע (נאָך אַלץ א׳נ גרינבערג) דערשינען זיין „אידישע טראַגעדיע", דראַמע אין דריי אַקטן (160 זז.), וואָס איז,



אויך א׳נ ברוך בערנאַרד, אַרויס אין ניו־יאָרקער בלאָך פּאָבלישינג קאָמפּ. אין אַן ענגלישער איבערזעצונג. אין 1933 איז אין פּ׳ג מזרח, נ. י., אַרויס זיין „יהודה תנכיס העלדן־לעבן" (95 זז.), אַ פּאָעמע אין דריי געזאַנגען, וואָס אַנטהאַלט נאָר דאָס ערשטע געזאַנג.

אויף דער לעצטער זייט פון דעם בוך זיינען אויסגערעכנט ב.׳ס אַנדערע ווערק, ווי „דער חלוץ", דראַמע אין פיר אַקטן און פיר סצענען פון ברוך ברכיה, פּ׳ג „נחמיה", נ. י., 1927, 128 זז. „רבי רב בער, דער געפאַלענער", אַ דראַמאַטישע פּאָעמע, „ביזנעס", קאָמעדיע (דראַמע) אין 3 אַקטן (נ. י., 1936), „פענאַלאָפּע", איינאַקטער, קינדער־שפּיל.

אין 1937 איז אין פּ׳ג „די פעדער", ניו יאָרק, אַרויס (אַלס אָפּדרוק פון זשורנאַל „די פעדער") זיין „באַנקראָט", דראַמע אין דריי אַקטן (107 זז.).

ב. האָט פון צייט צו צייט געדרוקט אַרטיקלען אין „מאָרגן זשורנאַל". אין 1947 האָט ער באַזוכט ארץ־ישראל.

דעם 26 פעברואַר 1953 איז ב. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק.

„לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור", ניו יאָרק, 1956, ערשטער באַנד, זז. 401־400.

## האָפּענבערג, הערי

[געב. בערך 1895 — געשט. 1 אויגוסט 1960]

געבוירן בערך 1895 אין גאַליציע, געשטאַמט פון אַ זייער רעליגיעזער משפחה. יונג געקומען אין אַמעריקע, געאַרבעט אין שעפּער, פאַרבונדן זיך מיט דראַמקרייזן, און צום סוף געוואָרן אַ סופלער אין פּראָפעסיאָנעלע יידישע טרופּעס. גלייכצייטיק גענומען שרייבן לעבנס־בילדער און מעלאָדראַמעס.

לויט ווי ד. מילער גיט אָן אין זיין בוך וועגן ייד. טעאַטער אין דעטראָיט, איז דאָרט אויפגעפירט געוואָרן דעם 6 אָקטאָבער 1933 ה.׳ס פּיעסע „נאַרט ניט מיין מאַמע" און קורץ דערויף זיין פּיעסע „פאַר איר שוועסטערס גליק". דעם 17 יוני 1934 — „די ערשטע נאַכט" (געשפּילט מיטן אָנטייל פון משה אוישער און פלאָרענס ווייס). דעם 9 יאַנואַר 1934 איז דורך זיי געשפּילט געוואָרן (צום דירעקטאָר ליטמאַנס בענעפיס) ה.׳ס פּיעסע „2000 יאָר". אין אָקטאָבער 1937 איז אין ניו־יאָרק אויפגעפירט געוואָרן ה.׳ס מעלאָדראַמע „אין אַ יידישער היים". דעם 26 סעפּטעמבער 1938 איז אין ברוקלינער „האָפּקינסאָן"־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן „דער אייביקער ניגון" פון האָפּענבערג און סיימאָן וואולף (מיטן אָנטייל פון מאַקס ווילנער, חנה און איזידאָר האָלענדער, סיימאָן וואולף און יעקב סוזאַנאָוו). אין אַפּריל 1939 איז אין שיקאַגע, אין „דאָגלאַס פּאַרק טעאַטער" אויפגעפירט געוואָרן ה.׳ס פּיעסע „איציק זוכט אַ כלה". דעם 9 אָקטאָבער 1943 איז אין ברייטען טעאַטער, ניו יאָרק, אויפגעפירט געוואָרן ה.׳ס מוזיקאַלישע קאָמעדיע „איך ליב דיך" (מוזיק — א. שוואַרץ). אין דעצעמבער 1947 איז אין בראָנקסער „אַרט" טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ה.׳ס מוזיקאַלישע קאָמעדיע אין 2 אַקטן און 4 בילדער „פריילעכע טעג" א׳ר פון מאַקס לאַסקי, ליריקס און מוזיק — הערי שלעקער.

ה. איז אויך געווען בינע־דירעקטאָר אין מעקינלי סקווער טעאַטער (דיר. — הערמאַן יאַבלאָקאָוו, לעאָן שעכטער און מאַקס